NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01220

# FRILING IN VALD

Israel Biber

*Permanent preservation of this book was made possible
by Rochelle Tandy Johnson
in memory of
her immigrant grandmother, Helen Lifshitz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ביבער

# פרילינג אין וואַלד

„קינדערפריינד“, װאַרשע 1937

Printed in Poland

I. B I B E R

FRILING IN WAŁD

„Kinder-Frajnd“, Warszawa 1937

זעצעריי ה. גלאַנץ, מוראַנאָווסקע 28 ט. 25

Druk. „R e n o m a“, Warszawa

# אַריינפירוואָרט

אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע ווערט אָפּגעגעבן פיל מי און צייט אויף דער דערנענטערונג פון קינד צו דער נאַטור. אויף וואַנדערונגען, אין שמועסן, אין דער ווירטשאַפט פון אויפּעס, טויבן און קיניגלעך, אין גאָרטן, אין וואַרעמהויז (אָראַנזשעריע) און אין סאָד, ווי אויך אין אַזוי גערופענעם ביאָלאָגישן ווינקל (ביאָווינקל), וואָס באַשטייט פון אַ מוזיי, וואַסער־באַסיינען און קאַלעדליי קולטורן (האָדאָוולעס) באַקענען זיך די קינדער מיטן לעבעדיקן אַרום. די לערער און קינדער זענען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, אַז זיי רייסן מיט אויך דעם איבעריקן פּערסאָנאַל און אַפילע די שכנים, וואָס וווינען אין דער נאָענט. עס טרעפט נישט זעלטן, אַז פריינד, אַפילע פון אַנדערע שטעט און פון אַנדערע לענדער, שיקן מאַטאַנעס פאַרן ביאָלאָגישן ווינקל און באַרייכערן דערמיט די ווערטפולע זאַמלונגען פון דער סאַנאַטאָריע, וווּ די קינדער זענען אַזוי אַריינגעטאָן אין דעם געביט.

צי דען איז עס אַ וווּנדער, אַז קינדער אינטערעסירן זיך מיט נאַטורוויסנשאַפטן?

בלומען און באַלעבאַים זענען טאָמיד געווען און וועלן אויך בלייבן דאָס אינטערעסאַנטסטע פאַר גרויס און קליין. אונדזערע פירפיסיקע און באַפעדערטע שטוביקע פריינד זענען פאַר קינדער שפּיל־באַוויירים. אָבער דאָס שטאָטישע יידישע קינד איז דערווייטערט געוואָרן פון זייַנע נאַטורפריינד דורך מויערן און פלויטן. דאָ, אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע באַגעגענען זיי זיך ווידער. עס איז גענוג צו זען אַמאָל ווי שווער עס קומט אָן די קינדער, וואָס פאָרן אַוועק, צו געזעגענען זיך מיט די ביאָלאָגישע ווינקעלעך, וווּ זיי האָבן אין סאַנאַטאָריע פאַרבראַכט, כדי צו פאַרשטיין ווי גרויס עס איז די ליבשאַפט פון קינד צו דער לעבעדיקער נאַטור.

איך אַליין האָב דאָרט — אין סאַנאַטאָריע — איבערגע־

לעבט די שענסטע נאַטור־פּאַסירונגען, וועלכע איך באַשרייב דאָ, וועלכע איך האָב שוין באַשריבן אין „ווינטער אין וואַלד" און וועלכע איך וועל נאָך באַשרייבן אין אַנדערע אויסגאַבעס.

פֿאַר די טויזנטער קינדער, וואָס זענען געווען אין דער סאַ־נאַטאָריע, וועלן די שילדערונגען זייער זיין אַן אָנגענעמע דערי־נערונג, און פֿאַר אַנדערע קינדער, וואָס זענען דאָרט נישט געווען — אַן אָנרעגונג אויף צו באַקענען זיך מיט דער לעבעדיקער נאַטור. דאָס איז אונדזער ציל.

מ ע כ אַ ב ע ר

# דאָס שלומפּערל פון קרימען

אין איינעם פון די קינדער־צימערן אין דער נײַער געבײַדע האָט דעם אָוונט געטראָפן קימאַט אַ נעס. וואָס הייסט אַ נעס? — עס איז געוואָרן אָפּגעראַטעוועט אַ פייגעלע פון אַ זיכערן טויט.

די מײַסע איז אַזאַ:

די קינדער האָבן זיך געבאָדן און ווי געוויינלעך האָט די לערערין פאַרמאַכט אויף אַ צײַט די פענצטער, עס זאָל נישט זײַן קיין צוגווינט. קינדער שטיפער זענען אַרײַנגעלאָפן צעוואַרעמטע פון באָדצימער אין זייערע שלאָפצימערן, און האָבן זיך אָנגעהויבן לייגן שלאָפן. אין לאַלעקס צימער איז מען אָבער נישט געווען צופרידן דערפון, וואָס דאָס פענצטער איז פאַרמאַכט.

— לערערין, עפענען! לערין*), ס'איז הייס!

— לערערין זײַן אַזוי גוט און לאָזן עפענען — האָט מען זיך שטיפעריש געבעטן בײַ דער לערערין.

די לערערין האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז דער אוילעם מיינט נישט אַזוי דאָס פענצטער, ווי עס ווילט זיך זיי סטאַם אַ ביסל „קליאַנטשענען" (ווי זי זאָגט), האָט זי אַ טראַכט געטון און האָט באַלד געפונען אַן אויסוועג:

— עפנט דאָס טירל פון אויוון! און אַז איר וועט שוין ליגן אין די בעטן, וועל איך עפענען דאָס קליינע פענצטערל.

---

*) וואַרשעווער קינדער רעדן אַרויס דאָס וואָרט לערערין פאַרקירצט — לערין.

דערהערט אַזאַ אײַצע, איז לאָלעק צו צום אויוון און האָט אויפגעמאַכט דאָס טירל. אין דער רעגע האָט זיך אָבער דערהערט אַ קוויטש, און עס איז אַרויסגעפלויגן פון אויוון אַ... פייגעלע.

עס האָט זיך אַרומגעדרייט עטלעכע מאָל אַרום צימער, און זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויפן אויוון. אויסגעשראָקן איז געווען דאָס פייגעלע ביז גאָר, מען האָט געזען ווי עס הייבן זיך די פעדערלעך איבערן הערצל—דאָס הערצל האָט געקלאַפּט פאַר שרעק.

און אויסגעשמירט איז געווען דאָס פייגעלע — אינגאַנצן שוואַרץ פון סאַזשע.

עס איז באַלד געוואָרן אַ געלויף איבערן קאָרידאָר — די קינדער זענען געקומען זען דעם שלימאַזל. עס איז אויך אָנגע־לאָפן שימען, דער אויפזעער פון ביאַלאָגישן צימער, און ער האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל לאָזן איבערנעכטיקן דאָס פייגעלע אין סאַ־נאַטאָריע און מאָרגן עס אַרויסלאָזן;

— פריִער אויסבאָדן — האָט ווער צוגעגעבן.

ווען ער האָט זיך בענטער צוגעקוקט צום „גאַסט", וואָס איז געקומען דורכן קוימען, האָט שימען געמאָלדן אַלעמען, אַז דאָס איז נישט סטאַם אַ פאַרשמירט פייגעלע — עס איז דער שלומפּערל. *)

— שלומפּערלעך זעען טאַקע אויס ווי אײַנגעשמירטע אין סאַדזע, נאָר דער עק איז בײַ זיי רויטלעך. שלומפּערלעך מאַכן זיך נעסטן אויף דעכער פון הײַזער, אויף אונדזער דאַך האָבן זיי אויך אַ נעסט, איך זע זיי יעדן טאָג. און פאַרנאַכט הער איך נישט איין מאָל זינגען אָט דאָס שלומפּערל; עס שטעלט זיך טאָמיד אויפן העכסטן קוימען צום אָוונט־געזאַנג, און איז אַוואַדע אַרײַנגעפאַלן אין קוימען.

דאָס שלומפּערל האָט נישט געוואָלט אײַנשטיין רויִק, עס איז אַלץ אַרומגעפלויגן איבערן צימער, און האָט געקלאַפּט זיך אין פענצטער. ס'איז נישט געווען קיין ברירע, מען האָט

---

*) אויף פּויליש kopciuszek.

געמוזט ברענגען אַ שטײַג פֿאַר אים. און קעדיי דאָס פייגעלע זאָל זיך נישט וואַרפֿן אין שטײַג, האָט מען צוגעדעקט די שטײַג מיט פּאַפּיר. אין דער פֿינצטער האָט דאָס שלומפּערל זיך נישט געוואָרפֿן.



אין דער פֿרי זענען אַלע געקומען אָנקוקן דאָס שלומ־פּערל.

—אָט, אַן עמעסער שלומ־פּער, אַן אײַנגעשמירטער אין סאַדזע, נאָר דער עק איז געבליבן רויטלעך — האָט אַ קינד געזאָגט.

— אַזאַ איז ער שוין דאָס גאַנצע לעבן — האָט דערקלערט דער לערער — ער איז פֿאַרסאַדזעט אַפֿילע ווען ער פֿאַלט נישט, אַרײַן אין קוימען.

דאָס שלומפּערל האָט מען באַפֿרײַט. עס איז נישט אַוועק ווײַט עס האָט זיך געזעצט אויפֿן דאַך, ווײַל — ווי עס ווײַזט אויס — איז עס טאַקע געווען דאָ אין דער היים.

צוויי טעג האָט דאָס שלומפּערל נישט געזונגען, אומזיסט זענען די קינדער געשטאַנען יעדן פֿאַרנאַכט און אין דער פֿרי און האָבן געוואַרט אויף זײַן געזאַנג.

דאָס שלומפּערל איז געזען, זעט אויס, אויסגעשראָקן. ערשט אויפֿן דריטן טאָג איז שימען געקומען צו לויפֿן פֿאַרנאַכט מיט דעם נײַעס, אַז דאָס שלומפּערל זינגט שוין.

עס איז ווידער געשטאַנען אויפֿן העכסטן קוימען און האָט אויס־געזונגען זײַן איינטאָניק ליד, וואָס באַשטייט נאָר פֿון איין סטראָפֿקע:

טיפּ... טיפּ... טיפּ...

טשירי... טשירי... טשירי... (מיטן אַקצענט אויף ר״י)

# מיר באַגעגענען די שטאָרן

פון לאַנג שוין האָבן מיר זיך געגרייט אויפצונעמען אונ־דזערע בעסטע געסט — די שטאָרן.

זיכער זענען דאָ שענערע באַפעדערטע פייגל און שענערע זינגער, אָבער דאָך צום נאָענטסטן זענען אונדז אונדזערע שטאָרן.

קימאַט אַלע פייגל זענען שרעקעוודיקע, — מען קען אויף זיי קוקן נאָר פון אַ באַהעלטעניש, מען קען זיי נאָר באַגעגענען צופעליק, זיי בויען זייערע נעסטן אין וואַלד, פאַרבאַהאַלטן — זיי מײַדן אויס אונדז, מענטשן.

אַנדערש איז אָבער מיט שטאָרן.

שטאָרן קומען גערן צו מענטשלעכע יישובים, ווי בושלען אַשטייגער, — זיי זוכן בײַ אונדז אַן אָרט אויף צו מאַכן זייערע נעסטן.

אַמאָל, ווען עס זענען געווען אַלטע וועלדער, האָבן שטאָרן געהאַט גענוג אָרט פאַר נעסטן אין די היילן פון די אַלטע ביי־מער. אָבער איצט, ווען מען האַקט אויס אַלטע וועלדער, פעלן בוימהיילן פאַר די שטאָרן.

שטאָרן קענען נישט פלעכטן קיין נעסטן, זיי זוכן גרייטע היילן, און ווען עס פעלן בוימהיילן אין וואַלד, זוכן זיי אויס גרעסערע שפּאַלטן אין מויערן, אונטערן דאַך, אפילו אין אַ טויבנשלאַק קומען זיי אַרײַן בויען אַ נעסט. צום ליבסטן אָבער קלויבן זיי אויס אַ הײַזעלע, וואָס מען האָט פאַר זיי צוגעגרייט.

ווען מיר האָבן געזען פאַראַיאָרן, ווי די שטאָרן האָבן זיך געשלאָגן צווישן זיך צוליב אַ הײַזעלע, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז צום צווייטן פרילינג וועלן מיר פאַרטאָפּלען די צאָל שטאָרנ־הײַזלעך. און ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן ווערן וואַרעמער אין דרויסן, האָבן מיר זיך גענומען בויען הײַזלעך. ווו נאָר עס איז געווען אַ פּאַסיק קעסטעלע, פון הייוון אָדער פון פּראָדוקטן, וואָס

מע ברענגט פון שטאָט, האָבן מיר געמאַכט דערפון אַ פויגל־הײַזל. און נישט נאָר וועגן שטאָרן האָבן מיר געטראַכט.

זאָלן אויך אַנדערע פייגל האָבן הײַזלעך אויף געסטן. די קלענערע קעסטלעך, ווו שטאָרן קענען נישט אַרײַן, וועלן צונויף קומען אַנדערע קלענערע פייגעלעך.

לאָלעק, וואָס האָט ליב צו מײַסטערן, האָט אַנדערש געטאָן — ער האָט גענומען בויען אַ שטאָרנהײַזל לויט אַלע פאָרשריפטן.

ער האָט געפונען אין אַ ביכל אָנווײַזונגען, ווי גרויס עס דאַרף זײַן אַ שטאָרנהײַזל; ער האָט געמאַכט אַ פּלאַן, און האָט אַפילו אָנגעצייכנט, ווי עס וועט אויסזען זײַן הײַזעלע.

אָט זענען די אויסמעסטונגען: די הייך פון הײַזל — 50 צענטימעטער, די ברייט — 27 צמ די טיף 24 צמ דער דאַך אַ שיפּער, אויף פאָרנט געבייגט, שטייט אָפּ פון פאָרנט, קעדיי ער זאָל שיצן דאָס נעסט פון רעגן.

די עפענונג צום אַרײַנגיין אין הײַזעלע איז אַ קליינע — 5 און אַ האַלבן צמ אין דורכמעסער — קעדיי עס זאָלן נישט קענען אַרײַנקריכן קיין גרעסערע רויבער, פאַר דער עפענונג אַ ברעטעלע, ווו די פייגל זאָלן זיך קאָנען אַוועקשטעלן צום אַרײַנגיין.

דאָס דעכל דאַרף נישט זײַן צוגעקלאַפּט מיט נעגל, נאָר פון הינטן אויף שאַרנירן (זאַוויאַסעס), קעדיי מען זאָל קענען אויך אָפּדעקן דאָס הײַזעלע און אַרײַנקוקן.

לאָלעק האָט צוגעשניטן די ברעטלעך לויט דער אָנגעוויזענער מאָס. שווער איז נאָר געווען אויסצושנײַדן די רונדע עפענונג. ער האָט זיך אָבער געהאָלפן מיט אַ דלאָט און מיט אַ שמאָל, שפּיציק האַנטזעגל.

יעדן טאָג, קלובצײַט, האָט לאָלעק געאַרבעט בײַם שטאָרנהײַזל, ברעטל צו ברעטל — און די אַרבעט איז געגאַנגען אַלץ פאָרויס.



אַ שטאַרנהייזל

אין די לעצטע טעג האָט מען געאַרבעט אין אַ גיכערן טעמפּאָ. עס איז געוואָרן אַזוי וואַרעם, אַז יעדן טאָג האָבן געקענט קומען די שטאָרן. ביי 10 פייגלהייזלעך זענען שוין געווען גרייט, מען האָט זיי נאָך באַדאַרפט אָפּפאַרבן אויף גרין.

— אַז מען וועט זיי אָפּפאַרבן — האָט געזאָגט דער לערער, — וועלן זיי נישט אַזוי לייכט צעפוילט ווערן פון די רעגנס און שנייען.

— און מען וועט זיי אויך נישט אזוי לייכט אָנזען —

האָט צוגעגעבן אַ קינד–זיי וועלן זײַן געשיצט קעגן נישט געבעטענע געסט.

– מיר וועלן זיי נאָך אַרומוויקלען מיט שטעכעדיקע דראָטן, עס זאָלן נישט קענען צוקומען קיין קעץ און קיין אַנדערע רויבער.

* *
*

ווען די קינדער זענען געקומען מיטאָגצײַט פון שפּאַציר, האָבן זיי געבראַכט אַ ידיעה, אַז זיי האָבן שוין געזען שטאָרן.

— אויב אַזוי העגנען מיר אַרויס אונדזערע הײַזלעך – האָט פאָרגעלייגט דער אויפזעער פון נאַטור-ווינקל.

דאָס אַרויסהענגען פון די פייגלהײַזלעך איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ יאָנטעוו. אַלע קינדער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט. די „מײַסטערס", וואָס האָבן געמאַכט די הײַזלעך, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ קרײַז מיט זייער „ווערק" אין די הענט. אַנדערע קינדער האָבן געבראַכט די לייטער, מאַכשירים און דראָט.

אַן איבעראַשונג פאַר די קינדער זענען געווען עטלעכע פּאַרטיקע, געקויפטע פייגלהײַזלעך, וועלכע מען האָט איצט אַרויסגעבראַכט.

דער לערער האָט דערקלערט, אַז אַזעלכע הײַזעלעך ווערן אויסגעאַרבעט אין פאַבריקן און ווערן פאַרקויפט. די וואָס זענען געמאַכט פון אַ שטיק בוימשטאַם (זע בילד זײַט 10) זענען די בעסטע, ווײַל זיי זענען ווייניק קאָנטיק פאַר סאָנים – די קאָרע מאַכט זיי ענלעך צום בוים, אויף וועלכן זיי הענגען. און די האַלב אָפענע נעסטן זענען באַשטימט פאַר פייגעלעך, וואָס פאַרקריכן זיך נישט גערן אין פינצטערע לעכער.

דער לערער האָט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט געגעבן אַ סימען, אַז ער וויל עפּעס זאָגן, און עס איז געווען שטיל.

– הײַנט, קינדער, ווערט בײַ אונדז אויפגעטאָן אַ וויכטיקע

זאַך, מיר הענגען אַרויס צען פייגלהײַזלעך, וואָס די קינדער האָבן אַליין געמאַכט.

איר זעט, קינדער, אַרום און אַרום פון דער סאַנאַטאָריעביימער, עלטערע און יונגע, אָבער זעלטן ווו וועט איר געפינען אַזעלכע אַלטע ביימער, וואָס האָבן היילן — נישטאָ קיין אָרט, ווו פייגל קענען בויען נעסטן.

און פייגל זענען נוצלעך, זיי כאַפּן אויס שעדלעכע אינסעקטן און זייערע שלייערלעך, וואָס צעשטערן אונדזערע ביימער און גאָרטנגרינסן. מע קען דרײַסט זאָגן, אַז ווען נישט די פייגל וואָלט קיין גרין בלעטל נישט געבליבן, און ווי וואָלט אויסגעזען די וועלט אָן די גרינע גראָזטעפּיכער און אָן וועלדער?

איר האָט זיכער געהערט אָדער געלייענט וועגן היישעריקן, וואָס באַפאַלן ערגעץ ווו פעלדער און וועלדער, און לאָזן נישט איבער קיין גרין גרעזעלע; אָבער נישט נאָר היישעריקן זענען אַזעלכע שעדיקער. אונדזערע וועלדער און סעדער ווימלען פון קאָלערליי שעדיקער: קאָרע־דרוקער, האָלץ־בויערער, נוסזשוקעס פרוכט־שעדיקער א״א, וואָס קענען אָנטון נישט ווייניקער שאָדנס ווי יענע היישעריקן.

צום גליק אָבער האָבן מיר אומצאָליקע מאַכנעס פייגל, היטער און באַשיצער. מע קען זאָגן, אַז די פייגל זענען די דאָקטוירים און קראַנקן־פלעגער פון דער געוויקסנוועלט. און עפּשער נאָך מער, ווײַל זיי וואַרטן נישט ביז אַ בוים ווערט קראַנק — זיי רייניקן אים אָפּ באַצײַטנס פון אומפלייט, וואָס באַפאַלט אים. אין יעדער שפּאַרונקעלע קוקן זיי אַרײַן, יעדעס אייעלע פון אינסעקטן רוימען זיי אָפּ.

דער פּיקהאָלץ איז שוין דער דאָקטאָר — ער קלאַפּט אויס פּאַרדעכטיקע ביימער, ער מאַכט אויך אָפּעראַציעס, ער האַקט אויף קראַנקע ערטער און שלעפּט אַרויס פון אונטער דער קאָרע די שעדיקער.

דאָס איז נישט קיין לײַכטע אַרבעט. עס איז אויך נישט

קיין אַרבעט, וואָס לוינט זיך שטאַרק, ווײַל גאָר קליין זענען די שעדיקער, וואָס מע געפינט דאָרט — אָנעסן זיך דערמיט איז שווער.

אָבער אַזוי איז שוין. מיר קענען זיך נישט צונויפרעדן מיט די פייגל, און מיר פאַרשטייען זעלטן זייער אַרט לעבן.

מיר זענען אָבער אויך ווייניק דאַנקבאַר די פייגל פאַר זייער וויכטיקער אַרבעט. פאַרקערט, מיר שעדיקן זיי אָפט ווילנ־דיק און נישט ווילנדיק. מיר האַקן אויס די וועלדער, נישט זאָר־גנדיק וועגן די פייגל און זייערע נעסטן.

אויסהאַקן אַ וואַלד הייסט צונעמען די עקזיסטענץ ביי טוי־זנטער און טויזנטער פייגל. ווו זאָלן זיי זיך אַהינטון?

מען האַקט אַרום אונדז און אַנדערשוו וועלדער, בויט הײַזער און פלאַנצט גערטנער, אָבער זעלטן ווער טראַכט וועגן די פייגל, וואָס האָבן דאָ געהאַט זייערע נעסטן.

מיט אונדזערע עטלעכע הײַזלעך פאַרגיטיקן מיר — אין אַ גאָר קליינער מאָס — די גרויסע אַוולעס, וואָס מען טוט אָפּ די פייגל.

זעט, קינדער, אַז ווו איר וועט נישט זײַן, זאָלט איר אויך אַרויסהענגען פייגלהײַזלעך!

נאָך די ווערטער פון לערער האָט מען אָנגעהויבן פונאַנ־דערהענגען די הײַזלעך — יעדעס קינד האָט אַרויסגעהאָנגען זײַן הײַזלע. מען האָט אויפגעפּאַסט, אַז די עפענונגען זאָלן זײַן צו מיזרעך אָדער צו דאָרעם, קעדיי די זון זאָל אַרײַנשײַנען אין די נעסטן.

דערנאָך האָט דער כאַווער מאָטל אַרומגעוויקלט אַרום נעסט און אונטערן נעסט שטעכיקע דראָטן, אָדער צוגעפעסטיקט שטע־כיקע צווײַגן פון ווילדע פלוימען (טערניקעס) — קעגן קעץ און רויבער.

בעשאַס דער אַרבעט האָבן די קינדער געזונגען דאָס שטאַרנליד:

אויפֿן צווײַגעלע
וויגט זיך שטאָרעלע
און זינגט זיך צו.
רופֿט דעם פֿרילינג ער
די ליכטיקע פֿרייד אַהער
טיו – די – טיו...

ווען אין פֿעלד שוין נישט
ליגן שנייעלעך,
וועט צעפֿליסן
און אין יאַם אַוועק
פֿרײלעך טײַכעלע,
וועט זיך גיסן

דעם אַנדערן טאָג, פֿון גאָר פֿרי אָן, האָט זיך אַרײַנגעריסן דורך אַלע אָפֿענע פֿענצטער אין סאַנאַטאָריע דאָס פֿײַפֿן פֿון שטאָרן.

די קינדער האָבן נישט געקענט דערוואַרטן זיך אויף דעם „גוטמאָרגן" פֿון די לערער און שוועסטער, וואָס קומען אַרײַן אָנ־זאָגן, אַז עס איז שוין צײַט אויפֿצושטיין. עס האָבן דאָס מאָל געוועקט די שטאָרן:

– פֿיו – – – –

– פֿיו–ו–ו–ו – –

געוויינלעך צווייטשערן שפּערלעך אויף די זוניקע זײַטן פֿון די געבײַדעס אין די פֿרימאָרגן־שאָען, עס דרייען זיך און בלאָזן זיך די טויבן־ערן אויף די דעכער און גערזימסן, און ווערן נישט מיד צו רופֿן אַוווּ... אַוווּ... אָבער דאָס שטערט שוין ווייניק – מע געוויינט זיך צו דערצו.

דאָס הײַנטיקע פֿײַפֿן פֿון שטאָרן איז אָבער געווען אַ נײַעס

פּאַר אַ סאַך קינדער און האָט אַלעמען געשטעלט אויף די פּיס
שוין באַגינען.

ביי דער אַלטער געביידע וואַקסן הויכעביימער, וואָס
גרייכן ביז צום צווייטן שטאָק, און דאָרט הענגען גראָד שטאָרנ-
הייזלעך אַזוי נאָענט פון פענצטער, אַז מע קען אַלץ זען, וואָס
עס טוט זיך ביי די פייגלהייזעלעך. עס האָבן זיך אויסגעזעצט
שטאָרן פאַרנווייז ביי די הייזלעך און געגריסט זייערע אַלטע
היימען, די פּריילינגזון, די סאַנאַטאָריע, די קינדער.

שטאָרן זענען גרויסע, שוואַרצע פייגל, נאָר דער שנאָבל
און די פיס זענען געלע. שטאָרן זענען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי
שפּערלעך, זיי זענען ווייניק באַוועגלעך, מע קען זיי דערפאַר
לייכט אָנקוקן פון דער נאָענט און באַאָבאַכטן.

אָט זעט מען ווי עס גלאַנצן מעטאַלישע די פעדערלעך אין
דער זון און וואַרפן קאָלירליי אָפּגלאַנצן, דערהויפּט אָבער גרין-
מעטאַלישע. די שוואַרצע פעדערלעך זענען לייכט צוגעשפּריצט
מיט העלערע פלעקן.

זינגען זינגט נאָר דער ער, וואָס האָט אויך שענערע פע-
דערלעך; ער ציט אויס דערביי דאָס העלדזל, לאָזט אַראָפּ די
פליגל און מיט זיך צו זינגען וואָס שענער פאַר זיין זיעלע.

שטאָרן האָבן אַ דיקע, פליישיקע צונג און קענען קימאַט
נאָכמאַכן קלאַנגען פון מענטשן. מען זאָגט, אַז זיי קענען זיך
אויסלערנען אויך רעדן.

איך האָב נאָך קיין רעדנדיקן שטאָר נישט געזען, און אויב
ווער פון אייך וועט אַמאָל האָבן דאָס גליק אַליין צו הערן רעדן אַ
שטאָר, פאַרגעסט נישט אונדז וועגן דעם אָנשרייבן.

דערווייל האָבן די קינדער זיך אָנגעטאָן אויף גיך, געוואַשן
זיך, געמאַכט די בעטן, און מען איז אַרויס באַגריסן זיך מיט די
שטאָרן.

ווען זיי רופן אַזוי, דוכט זיך, אַז מען הערט ווערטער:
— קום... אַ...הער!...

— גיך, גיך...

איך קען אַ ביסל זייער שפּראַך און פאַרשטיי וואָס זיי מיי־נען. איך פאַרשטיי זייער רוף — דאָס הייסט, ווען זיי רופן איי־נער דעם אַנדערן. איך פאַרשטיי, ווען זיי זינגען פון פרייד, — אין אַ שיינעם פרימאָרגן, — ווען זיי דאַנקען פאַר דעם הײַזעלע, וואָס מען האָט פאַר זיי צוגעגרייט.

הערט זיך אײַן, קינדער, אין די פויגלגעזאַנגען, קוקט זיך צו צו די פייגל בעשאַס זיי זינגען, וועט איר אויך פאַרשטיין זייער שפּראַך.

בײַ אַלע הײַזעלעך, סײַ בײַ די אַלטע און סײַ בײַ די נײַע, זענען געווען שטאָרן. בײַ די אַלטע האָבן זיך אויך אָפּגעשפּילט טראַגעדיעס, ווײַל די אַלטע הײַזעלעך האָבן שוין געהאַט פאַרנו־מען שפּערלעך — זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן בויען נעסטן אין די הײַזעלעך, אָבער וואָס קען אויפטאָן אַ שפּערל לעגאַבע אַ שטאַרקערן שטאָר?

אויפגערעגטע דרייען זיך אַרום די שפּערלעך מיט פאַר־ריסענע עקן און אָנגעשויבערטע פעדערן: צעררדר!... קעררר!...

די שפּערלעך מיינען צו פאַריאָגן די שטאָרן, אָבער די לעצטע מאַכן זיך נישט ווויסנדיק.

ערשטנס זענען דאָס טאַקע זייערע נעסטן — דאָס זענען דאָך שטאָרנהײַזלעך און נישט שפּערלהײַזלעך. און צווייטנס קענט איר דאָך, שפּערלעך, אַרײַנקריכן אונטער יעדער קאַכל אויפן דאַך און דאָרט מאַכן אַ נעסט. און פאַר אַ שטאָר איז אונטער אַ קאַכל צו ענג. פאַר זײַנע 4—7 אויסגעוואַקסענע יונגע וועט אַוואַדע נישט זײַן קיין אָרט. אָבער פון די שפּערלעך איז נישט אַזוי לײַכט פּאָטער צו ווערן. זיי זענען כוצפּעניקעס, און לאָזן אַלץ נישט צורו—צעררדר!... קעררר!...

אין איין הײַזעלע האָט זיך געהאַט אַרײַנגעקליבן אַ פּיק־האָלץ. אים האָבן די שטאָרן נישט עקסמיטירט — דאָס הײַזעלע איז שוין געבליבן זײַנס, דער פּיקהאָלץ האָט שוין געהאַט אַפילע

פאַרגרעסערט דעם אַרײַנגאַנג אין הײַזעלע — מיטן שנאָבל האָט ער אַרומגעהאַקט דעם ראַנד פֿון דער עפֿענונג.

אין אַ צווייט הײַזעלע פֿון די אַלטע האָט זיך געהאַט באַזעצט אַ פּאָר וועווערקעס. זיי האָבן זיך נישט ווייניק אָנגעאַרבעט ביז עס איז געוואָרן פֿאַרטיק זייער נעסט — זיי האָבן צונויפֿגעטראָגן מאָך און אַנדערע גראָזן, קעדיי עס זאָל זײַן אין נעסט געננוג ווייך. אָבער ווען עס זענען געקומען די שטאָרן און האָבן אָנגעהויבן טומלען בײַם נעסט פֿון די וועווערקעס, האָבן די וועווערקעס באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן דאָס הײַזעלע מיט זייער האָב און גוטס.

מיר האָבן געזען, ווי די וועווערקעס האָבן זיך אַריבערגעקליבן מיט זייערע בעבעכעס אין אַ צווייטן נעסט. בײַ דעם איבערקלײַבן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן געהאַט פֿאַרשלעפּט צו זיך אַ הענטשקע, וואַטע, באַנדאַזשן און קאָלערליי שמאַטקעלעך.

## דער אײנזאַמער שטאָר

בײַ איין נעסט שטייט עפּעס טאָמיד נאָר איין שטאָר און זינגט אַרויס פֿון זײַן העלדזל די שענסטע מעלאָדיעס. שטאָרן לערנען זיך לײַכט אויס נאָכזינגען אויך אַנדערע פֿייגל. דער שטאָר שטייט אויפֿן שפּיץ פֿון סלופּ, אויף וועלכן עס זענען אָנגעצויגן די עלעקטרישע דראָטן — דאָרט הענגט אויך זײַן נעסט. ער דרייט זיך אין אַלע זײַטן, זוכט און רופֿט.

נישטאָ זײַן זי.

ער איז געקומען אַהער אַליין, זײַן זי האָט זיך פֿאַרלוירן אין וועג, בעשאַס זיי זענען צוריקגעפֿלויגן פֿון ווײַטע וואַרעמע לענדער. עס קומען אום אין וועג נישט ווייניק פֿייגל — זיי פֿאַלן פֿון מידקייט, אַנדערע פֿאַרבלאָנדזשען און טרעפֿן נישט צום נעסט.

איצט זינגט ער אַזוי, ווײַל ער וויל אָפּזוכן פֿאַר זיך אַ זי, אויסבויען אַ נעסט און האָבן יונגע.

ווי נאָר עס פֿליִען פֿאַרבײַ אַנדערע שטאָרן, הייבט אָן דער איינזאַמער שטאָר, צו בעטן זיך און אײַנצולאַדן מיט קאָלערליי געזאַנגען אַ צווייט זיִעלע.

איינמאָל האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ זיִעלע, זי האָט זיך פֿאַר־האַלטן אויפֿן ראַנד פֿון נאָענטן דאַך און האָט זיך צוגעקוקט נײַ־גיריק.

זי איז צוגעפֿלויגן נאָך נענטער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפֿן דעכל פֿון הײַזעלע, און דער איינזאַמער שטאָר האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון פֿאַר פֿרייד. ער האָט געשעפּטשעט, גע־צוויטשערט, געפּאָכעט מיט די פֿליגעלעך און געבעטן דאָס זיִעלע, עס זאָל אַרײַנפֿליִען אין הײַזעלע אַ קוק טון.

ער אַליין איז אַרײַנגעפֿלויגן פֿאָרויס.

דאָס זיִעלע איז נאָכגעפֿלויגן. זיי זענען געבליבן דאָרט אַ ווײַלע און באַלד ווידער אַרויסגעקומען. עס איז געפֿעלן געוואָרן, זעט אויס, דעם זיִעלע, ווײַל זי איז שוין נישט אַוועקגעפֿלויגן.

און דער ער האָט ווײַטער געזונגען, אָבער שוין נישט אַזוי אומעטיק ווי פֿריִער — ער האָט געזונגען פֿאַר פֿרייד.

## מיר פֿלאַנצן

זײַט עטלעכע יאָר פֿאַרנעמען מיר זיך מיטן באַשטימען די ביימער און קוסטעס אין סאַנאַטאָריע.

יעדער בוים און יעדער קוסט האָט בײַ אונדז אַ הילצערן ברעטעלע — עטיקעטע הייסט דאָס, — אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן זײַן יִידישער און פּוילישער נאָמען. אָבער יעדעס יאָר קומען צו נײַע ביימער און קוסטעס, — דאַרף מען ווידער אַרויס־העלפֿן אויפֿשריפֿטן. טיילמאָל פֿאַלן אויך אַראָפּ די אַלטע ברע־

טעלעך, און עס קומט אויס באַזאָרגן נײַע. קורץ, יעדעס יאָר גייט אַרום אַ גרופּקע קינדער און פאַרנעמט זיך מיטן באַזאָרגן די עטיקעטעס.

ווער עס וויל זיך באַקענען מיט אַלערליי ביימער און קוסטעס, זאָל זיך דורכשפּאַצירן איבער דער ווילע, און דאָ וועט ער זיך עס שוין לײַכט אויסלערנען.

הײַער האָבן מיר אויך באַשלאָסן אויס פּלאַנצן אַ נײַע אַלעע.

די הײַיעריקע צוגרייטונגען האָבן צו געדויערט, ווײַל ערשטנס האָט מען געמוזט אויסגעפינען אַ פּאַסיקן ווינקל, וווּ מען קען מאַכן די אַלעע, און צווייטנס האָט מען געמוזט צונויפשטעלן אַנטשפּרעכיקע יונגע ביימעלעך.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, איז מען אַרויס מיט רידלען צו דער אַרבעט.

דער כאָווער גערטנער האָט געוויזן, ווי טיף עס דאַרף זײַן אַ גרוב, וואָס מע גרייט צו פאַר אַ ביימעלע. ער האָט אונדז דערקלערט, אַז אַ ביסל זײַטיקע וואָרצלען שנײַדט מען אַרום, קעדיי די איבעריקע זאָלן וואַקסן בעסער.

אין אַזאַ זאַמדיקן באָדן ווי בײַ אונדז מוז מען אונטערשיטן אויפן דעק פון דעם גרוב ליים, קעדיי דאָס וואַסער זאָל זיך נישט אײַנזאַפּן אין דער טיף; און קעדיי די ביימער זאָלן גוט וואַקסן גיט מען צו מיסט צו דער ערד, מיט וועלכע מען פילט אויס די גרוב.

נאָך די אַלע דערקלערונגען האָט מען זיך גענומען גראָבן גריבער אויף די אָנגעוויזענע ערטער. און אַז מען לאָזט קינדער גראָבן, דאַרף מען זיי צוויי מאָל נישט איבערכאַזערן.

פלינק האָבן געאַרבעט די קינדער, מען האָט זיך פאַרוועט, ווער עס וועט פריִער פאַרטיק ווערן. דער גערטנער האָט צו ביסלעך אונטערגעהאָלפן: ער האָט נאָך אַ מאָל אָנגעוויזן יעדערן,

ווי טיף און ווי ברייט עס דאַרף זײַן אַ גרוב — מע רעכנט זיך מיט דער לענג און ברייט פון די וואָרצלען.

די גרוב דאַרף זײַן אַ ביסל טיפער לעגאַבע דער לענג פון די וואָרצלען.

גראָבנדיק האָט מען געפונען בלייכע שלייערלעך פון אינ־סעקטן, וואָס לעבן אין באָדן און שעדיקן דאָרט די וואָרצלען פון געוויקסן. דער כּאַוועד גערטנער האָט זיי געהייסן דערפאַר פאַרניכטן. עס האָבן זיך אָבער געפונען אַנדערע באַלאָנים אויף די פעטע ביסנס.

עס זענען אָנגעלאָפן אויפעס, און האָבן אויפגעפּיקט וואָס נאָר מען האָט געפונען. זיי זענען אויך נישט געווען פויל אַליין צו זוכן. הינער טוען דאָס געשיקט — זיי צעגראַבלען די ערד מיט זייערע באַקרעלטע פינגער אויף פּיק־פּיצלעך, און מיט די שאַרפע אויגן זוכן זיי אין אַלע ווינקעלעך.

דער האָן איז אַ דזשענטלמען. אַז ער געפינט עפּעס, כאַפּט ער נישט אַליין — ער רופט צונויף זײַן כאַפּטע הינער און לייגט זיי פאַר דעם געשמאַקן ביסן. די הינער ווידער זענען ווייניקער כּאַוועריש — זיי טיילן זיך נישט געגרן: ווער עס כאַפּט אַ וואָ־רעם — אַנטלויפט מיט אים אין אַ זײַט.

— די רעגנווערעם וועלן מיר נישט אַוועקגעבן די הינער,— זאָגט דער גערטנער — די ווערעם זענען נוצלעך פאַר דעם באָדן זיי צעאַקערן דעם באָדן, לופטערן אים דורך, און באַמיסטיקן אים מיט דעם אייגענעם מיסט.

— צי ווייסט איר, קינדער, אַז די רעגנווערעם קריכן אַרויס אין אָוונט און שלעפן אַרײַן בלעטער און גראָזן אין דער ערד אַרײַן? די גרינסן עסן זיי אויף און דערפאַר אַנטהאַלט זייער מיסט פוילשטאָפן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר יעדן וואָרעם. די קינדער האָבן צוגעהיט, אַז קיין איין וואָרעם זאָל נישט אַרײַנ־פאַלן צו די אויפעס אין מויל אַרײַן.

איין הון האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַן אַוולע—זי זוכט און געפינט אַ וואָרעם, איז עס איר וואָרעם! קיינער קען אים בײַ איר נישט צונעמען. און ווען זי האָט געפונען אַ צווייטן וואָרעם, האָט זי טאַקע נישט געלאָזן צונעמען — זי האָט גענומען לויפן איבערן גאַנצן פלאַץ מיטן וואָרעם אין שנאָבל.

עטלעכע קינדער זענען איר נאָכגעלאָפן און האָבן געוואָלט אָפנעמען דעם וואָרעם, אָבער — אומזיסט. די הון האָט זיך צום סאָף פאַרסאַפעט און האָט פלוצלונג אַרויסגעלאָזן דעם וואָרעם. זי איז שטיין געבליבן אַ פאַרמאַטערטע. די קינדער זענען אָנגעלאָפן און מערי האָט שוין אַפילע געהאַט זיך אײַנגעבויגן קעדיי אָנצוכאַפן דעם וואָרעם, אָבער אין דער רעגע האָט די הון אַ כאַפ געטון דעם פעטן רעגנוואָרעם און האָט אים אַראָפגעשלונגען.

עס איז איר אַפילע אַזוי לײַכט נישט אָנגעקומען, דער וואָרעם איז איר קימאַט געבליבן שטעקן אין האַלדז און זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אים אַראָפצושלינגען. די קינדער האָבן זיך גאָר איבערגעשראָקן, די הון זאָל זיך כאָלילע נישט דערווערגן און האָבן זי געלאָזט צורו.

ווען אַלע גריבער זענען שוין געווען גרייט, האָט מען אין יעדן אַרײַנגעשיט צו ביסלעך ערד און אויף דעם אַזוי אַרויפגעשטעלט די ביימלעך, אַז די וואָרצלען זאָלן זײַן אין גרוב און דער שטאַם זאָל אַרויסשטעקן פרײַ. צו יעדן ביימעלע איז געווען צוגעגרייט אַ פלאָקן צום אונטערשפאַרן.

דער כאַווער גערטנער האָט דורכקאָנטראָלירט, צי אַלץ איז אומעטום ריכטיק און האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע: פאַרשיטן!

ווידער האָבן גענומען פלײַסיק אַרבעטן די קינדער מיט זייערע רידלען, מען האָט געשיט ערד און מיסט. מען האָט אויך אַרומגעטראָטן די אַרײַנגעשיטע ערד און צום סאָף געמאַכט אַרום יעדן ביימעלע אַ קרײַז פון ערד אַזוי, אַז עס זאָל זיך פאַרהאַלטן דאָס וואַסער בײַם בוים, ווען מען וועט באַגיסן.

די ביימעלעך האָט מען דאַן צוגעבונדן מיט ראַפּיע צו די פּלעקענער.

— מיר נוצן נישט קיין דראָט, — האָט דערקלערט דער כאַווער גערטנער — ווײַל פון דראָט קאָן ווערן אַרומגעריבן און באַשעדיקט די קאָרע. דראָט נוצט מען צום באַפעסטיקן גרעסע־רע ביימער, און דאַן ציט מען אָן אויפן דראָט קאָרעק, וואָס שיצט דעם בוים.

מען האָט אויך באַלד געבראַכט די ערשטע קאַנען וואַסער און באַגאָסן די נײַ פאַרפלאַנצטע ביימער.

אַ פריילעכער געזאַנג פון ליד „פעלדקינדער״ האָט זיך געטראָגן איבער דער נײַער אַלעע און איבערן גאַנצן סאַנאַ־טאָריע־הויף:

## פעלדקינדער

לאָמיר קינדער גאָר אינגאַנצן
זיך אין וואַלד און פעלד פאַרפלאַנצן,

אונטער פרישע רעגן־שלאַקסן
מיט די ביימער, גראָזן וואַקסן,

און אין ערד ביז בויך דערגרייכן,
און מיט שפּיץ ביז הימלהייכן,

ווײַט אין עק וועלט צווײַג פאַרשפּרייטן —
זאָל וועד קענען אונדז אויסרײַסן.

יונגע קינדער האָבן געפלאַנצט יונגע ביימער.

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט מען באַזאָרגט יעדעס ביימעלע מיט אַן עטיקעטע, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעשריבן דער נאָמען פון בוים.

אַ לײַכט ווינטל האָט געקילט די צעוואַרעמטע און רויטע פּנעמער פון די קינדער, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער אַרבעט. עס האָבן זיך אַליין לײַכט געוויגט אין ווינט די צאַרטע קרוינען פון די אַלטע און נײַ פאַרפלאַנצטע ביימער.

מיט די רידלען אויף די פּלייצעס און געזאַנג אויף די ליפּן האָבן מיר דורכגעמאַרשירט די נײַע אַלײע. מיר האָבן צוגעמאַרשירט צו די ווערעאַנדירנדיקע קליינע קינדער און זיי אָנגעזאָגט די פרייליכע נײַעס, אַז די נײַע ביימער זענען שוין פאַרפלאַנצט. אויך זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רײַען פאַר אונדז מיט פריַער צוגעגרייטע פענדלעך אין די הענט, און אַזוי זענען מיר ווידער אַוועק צו דער אַלײע מיט אַ טאָפּעלער צאָל קינ־דער. די קלענסטע קינדער האָבן אַרײַנגעשטעקט זייערע פענד־לעך בײַ די נײַ פאַרפלאַנצטע ביימער און אַ הילכיקער „הורראַ...״ האָט אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער סאַנאַטאָריע.

## באַגינען

אַ פײַערדיקע זון רוקט זיך אַרויס פון מיזרעך־ראַנד איבערן בלויען הימל. וואַלד און פעלד זענען באַדעקט מיט גינגאָלדענעם טוי...

די זון איז אין דער פרי גרעסער, דוכט זיך. אָט פאַרגלײַכן מיר זי מיט די ביימער, וואָס שטייען אויפן ראַנד פון האָריזאָנט, און עס קומט אויס, אַז די זון איז גאָר גרויס און נאָענט. אַנדערש — בײַטאָג.

און רויט איז די פרימאָרגן־זון. אירע שטראַלן פאַלן ווי סנאָפּעס פונקען פון אַ גרויסן, ווײַטן פײַער — מען פילט שוואַך זייער וואַרעמקייט, ביפראַט אין פרילינג.

און די שאָטנס זענען לאַנגע ווי פאַרנאַכט. הינטער יעדן בוים — אַ שוואַרצער און קאַלטער שאָטן. אויף די גראָזן אין

שאָטן זענען פײַכטער און קעלטער. מיר שטייען אין דער פרימאָרגן־זון און לאָזן זיך אײַנגאַנצן באַשטראַלן—מיר ווילן זיך אָנוואַרעמען.

די זון וואַרעמט שוין אַפילע צו ביסלעך, אָבער פון דער ערד און פון די שאָטנס הויכט נאָך מיט קעלט פון אַ קילער פרילינגנאַכט.

הײַנט גייען מיר, לערער און אַ גרופּע קינדער פון נאַטורקרײַז, אויף אַ פרימאָרגן־וואַנדערונג. איצט באַגינען, ווען קיין מענטש ווײַזט זיך נישט, וועט זײַן צום בעסטן צו באַאָבאַכטן פייגל.

מיר לאָזן זיך אין וועג אַרײַן, שטיל אָן געזאַנג, ווײַל אַלץ אַרום אין סאַנאַטאָריע — בײַ די דאַטשניקעס אַוואַדע, — שלאָפט נאָך.

„פּי־אוּ... פּי־אוּ" — האָט אַ רוף געטון (מיטן אַקצענט אויפן ערשטן טראַף — פּי) דער גאָלדענער פּיראָל מיט זײַן פלייטאַרטיקן געזאַנג.

ווער קען עס נישט דעם שטאַרקן רוף פון גרויסן, געלן פויגל מיט שוואַרצע פליגל! אָבער זען אים פון נאָענטן איז שווערער. אויסטערליש איז זײַן באַווײַזן זיך: אָט איז ער פאַרבײַגעפלויגן, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווײַלע, אַ רוף געטון, און שוין — ווידער נישטאָ.

קענסט מיינען, אַז ער רייצט זיך אָדער ער שפּילט זיך מיט דיר אין באַהעלטעניש: פּי־אוּ פּי־אוּ — דאָ בין איך! — גי־דליאָ־גיטאַ דליאָ...

דו לויפסט צו צו דעם אָרט, פונוואַנען דו האָסט געהערט דעם רוף, אָבער ער, דער פּיראָל, איז שוין אַנדערשוווּ, און ווײַט איז ער — גיי זוך אים.

פּונקט אַזוי פירט זיך אויך די קוקאַווקע — אָט הערסטו זי אין איין אָרט און באַלד — פון אַ צווייטן.

אין די שטילע פרימאָרגן־שאָען פון מאַי און יוני איז דער פּיראָל־געזאַנג אין פּאַרק און בײַם ראַנד פון וועלדער מאַמעש אַ



ק ו ק א ו ק ע

זעלטן געשעעניש. דער פּיראָל איז אַ שרעקעוודיקער פויגל און באַגעגנט זיך נישט גערן מיט מענטשן, מען קען אים אָבער אויך אונטערפירן אין דער צײַט, ווען ער בויט נעסטן און האָט יונגע. דאַן פאַרטראָגט ער נישט אין שכיינעס פון נעסט קיינע אַנדערע פייגל, און פון זײַן מין — פּיראָלן — אַוואַדע נישט.

הײַנט גראָד האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אים אָפּצונאַרן: ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזונגען זײַן ליד, האָב איך אים נאָכגעמאַכט „פּי־אוּ, פּי־או...״ „גידליאַ־גיטאַ דליאָ...״*)

*) גידליא (אקצענט אויף גי) גיטא דליא (—אויף טא).

ווי גרויס איז געווען מײַן פֿאַרוווּנדערונג, ווען דער פּיראָל איז דאָס מאָל נישט אַנטלאָפֿן, פֿאַרקערט — ער האָט זיך אַ לאָז אין מײַן ריכטונג. מיר זענען געבליבן שטיין ווי פֿאַרשטיינערטע — נישט גערירט זיך פֿון אָרט.



פּ י ר אָ ל

דער פּיראָל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פֿאַרדאַרטן, נישט פֿאַרבלעטערטן צווײַג און האָט אַ ברויגעזער געקוקט אויף אַלע זײַטן. ער האָט געמיינט, אַז דאָ געפֿינט זיך אַ צווייטער פּיראָל, אַ קאָנקורענט.

זעט אויס, אַז דאָ אין דער נאָענט איז זײַן נעסט — איז מיר אײַנגעפֿאַלן. איך קען זיך אָבער איצט נישט רירן פֿון אָרט, ווײַל ווי נאָר ער וועט מיך דערזען, וועט ער אַנטלויפֿן.

דעם גאָלדגעלן קערפּער מיט די שוואַרצע פֿליגל און עק האָב איך איצט געזען אַזוי דײַטלעך ווי קיינמאָל נישט פֿריִער — דאָס איז געווען דער ער. נאָר דער ער זינגט בײַ פֿייגל.

ער האָט לאַנג נאָך געקוקט אין אַלע זײַטן און איז באַלד אַוועק אויפן צווייטן בוים.

איך האָב אָפּגעאָטעמט און האָב גענומען אים נאָכקוקן.

אויפן צווייטן בוים האָב איך גלײַך דערזען שוין דאָס נעסט מיט דער זי.

זי איז העלער, אייגנטלעך גרינלעך מער אויפן רוקן און עק, ווי אַ טשיזשיק.

זי האָט גערופן דעם ער מיט אַ קרעכצנדיקער שטימע:

„קרעק... קרעק".

„שרעק... שרעק..." — — שרעק דעם סוינע, הייסט עס עפּשער.

זי איז געשטאַנען בײַם ראַנד פון נעסט, וואָס איז געווען קונציק אײַנגעפלאָכטן אין דינעם גאָפּלצווײַג, ווי אַ האַמאַק.

די פייגל קומען צו אונדז ווי דאַטשניקעס — נאָר אויף אַ קורצער צײַט, פון מאַי ביז אויגוסט. נאָך איידער עס ווערט האַרבסט אויף אַן עמעס, פליִען זיי שוין ווידער אַוועק אין די וואַרעמע לענדער. זיי האָדעווען אויס די יונגע זייער גיך. אויף אייעלעך זיצן זיי נאָר צוויי וואָכן און די יונגע דערנערן זיי מיט אינסעקטן און ווייכע פרוכטן, יאַגדעס.



פיראָל=זי מיטן נעסט

אין אונדזערע אויגן האָט די פּאָר פּיראָלן איצט אויסגע־
זען ווי גאָניידן־פייגל — אַזוי בונט און אַזוי אויסטערליש.

די זי האָט נאָך אַ מאָל אויסגערופן קרעק... שרעק... און ביי־
דע זענען אַוועקגעפלויגן.

מיר האָבן זיך געמאַכט אַ סימען, אויף וועלכן בוים עס
געפינט זיך דאָס נעסט, קעדיי מען זאָל לײַכט קענען טרעפן אַהער
אַ צווייט מאָל, און זענען אַוועקגעגאַנגען.

פון אַלע זײַטן האָבן גערופן פייגל: עס האָבן געצווי־
טשערט וואַלדשפּערלעך, עס האָבן געגרילצט און געפּײַפט שטאָרן.
פינקען האָבן אויסגעזונגען די איינטאָניקע קורצע מעלאָדיעס, וואָס
פאַרענדיקן זיך מיט אַ לאַנגן טאַ—אַ—אַ.

„טי... טי... טי... טי... טאַ—אַ—אַ...”

אויף פעלדגרילן האָבן געגרילט פון באָדן — ווו דו
שטעלסט אַ פוס, שפּרינגען זיי אונטער.

בלומען און בלעטער האָבן זיך געוועקט פון נאַכטשלאָף,
די זונשטראַלן האָבן זיי געגלעט און פונאַנדערגעוויקלט ווי מיט
אַ צויבער־שטעקעלע.

בלויע גלעקעלעך, ווײַסע פייגלשטשאַוו־בלימעלעך, געלע
אַנעמאָנעס און גאָלדענע ערשטלינגען האָבן געשײַנט מיט זייע־
רע קרוינען אין דער פרימאָרגן־זון.

און מילדע בלומען־רייכעס טראָגן זיך אין דער לופטן.
צום שטאַרקסטן שפּירט מען אָבער פײַלכעלעך.

מיר גייען אַזוי איבערן שיטערן וואַלד און די פּאָליאַנעס, וואָס
זענען פול מיט בלומען און פרימאָרגן־געזאַנגען, איך האלט אַ שטעקן
אין האַנט און בייג פונאַנדער מיט אים קוסטעס, עפּשער וועל
איך דאָרט עפּעס וואָס געפינען. אָבער מער ווי רעגנווערעם, וואָס
זענען אַרויסגעקראָכן בײַנאַכט פון דער ערד, זען מיר נישט. די
ווערעם בלײַבן אויף דער ערד אַזוי לאַנג ווי עס איז פײַכט. ווי נאָר
די זון הייבט אָן טריקענען דעם טוי, באַהאַלטן זיך די ווערעם
צוריק אין דער ערד אַרײַן.

# אַ באַגעגעניש

און מיטאַמאָל דערזעען מיר בײַם ראַנד פון וואַלד ליגן אויף אַ שטיין, אַנטקעגן דער זון, אַן אײַנגעדרייטע שלאַנג מיט אַ זיגזאַג אויפן רוקן — די גיפטיקע צײלעמשלאַנג. זי האָט זיך געוואַרעמט אין דער פרימאָרגן־זון.

איך בין געבליבן שטיין און האָב געגעבן אַ סימען מײַנע באַגלייטער, זיי זאָלן צוקומען נענטער צו מיר.

דער אוילעם איז זיך צונויפגעלאָפן און ווען דער לערער באַטקע האָט פאַרגעלייגט כאַפן די שלאַנג, האָט סאָרע אַ דער־שראָקענע געזאָגט:

— צו אַ צײלעמשלאַנג טאָר מען דאָך נישט צוגיין — זי קען אײַנבײַסן און פאַרגיפטן!

און סאָרע האָט זיך אָפגערוקט.

אַוועקגיין ווילט זיך אויך נישט. די שלאַנג זעט איצט אויס ווי אַ פלאַך אײַנגעדרייטע פעדער (פּרוזשינע), נאָר דאָס קעפּל האַלט זי העכער, און מיר דוכט זיך, אַז איך זע אַפילע ווי זי צינגלט מיט דער געשפּאָלטענער צונג.

דערווײַל איז אויך סאָרע צוגעקומען נענטער, ווײַל — ווי זעט מען דאָס נישט אַזאַ ספּעקטאַקל? זי שטייט לעבן מיר און ציטערט.

— זעסט סאָרע דאָס צינגעלע?

— מיט דעם בײַסט זי?

— ניין, מיט אַ צונג בײַסט מען נישט, מיטן צונג רירט זי זיך צו צו קעגנשטאַנדן אויף אָנצוטאַפּן זיי, ווי מיר מיט די פינ־גער, זי האָט דאָך נישט קיין פינגער. בײַסן בײַסט זי מיט די פאָדערשטע לאַנגע גיפטציין, וואָס געפינען זיך אין אויבערשטן קײַער.

— עפשער זאָלן מיר זי טאַקע פּרווון כאַפּן?

איך מאַך אַ שפּאַלט אויפן שפּיץ פון מײַן שטעקן, רוק אַרײַן אין דעם שפּאַלט אַ דין צווײַגעלע, קעדיי דער שפּאַלט זאָל זיך נישט פאַרמאַכן און לאָז מיך גיין צו דער שלאַנג, אַלע איבעריקע — הינטער מיר. נאָר סאָרע האָט זיך געשראָקן ווײַטער צו גיין.

דאָס איז — זעט אויס — דער שלאַנג נישט געפעלן גע־פעלן געוואָרן, זי האָט הויך אויסגעצויגן איר פאָדערקערפּער מיטן קאָפּ אין מײַן ריכטונג.

איך בין ווידער געבליבן שטיין.

— מע דאַרף צוגיין — גיב איך זיך אַליין צו מוט, און גיי ווײַטער.

די ציילעמשלאַנג האָט אָבער נישט געוואָלט וואַרטן און זי האָט זיך פלינק אַראָפּגעגליטשט פון שטיין.

אין דער רעגע האָט זי אָבער ווידער אויסגעצויגן דעם קאָפּ אין דער הייך, קימאַט ביז צו דער העלפט קערפּער, און האָט זיך פאַרמאָסטן אַנטקעגן אַ צווייטן, נענטערן סוינע...

פון יענער זײַט שטיין איז געשטאַנען אַנטקעגן איר אַן אַנגעיאָזשעטער נאָדלער...

אַ צײַט האָבן זיי זיך אַזוי אָנגעקוקט ברויגעזע — ווער וועמען דאַרף אויסמײַדן, ווער וועמען דאַרף פרײַ מאַכן דעם וועג?

— דו זעסט מײַנע גיפטציין! — האָט געצישעט די שלאַנג.

— ריר זיך נאָר צו צו מײַנע נאָדלען! — האָט געברומט דער נאָדלער.

די שלאַנג האָט זיך געוואָרפן אויפן נאָדלער, געוואָלט אים

אײַנוויקלען אין איר בייגעוודיקן קערפּער, אָבער זי איז באַלד אָפּ־
געשפּרונגען אַ צעשטאָכענע.

דער נאָדלער האָט אויסגענוצט די מינוט, ער האָט אָנגע־



דער נאָדלער און די ציילעמשלאַנג

כאַפּט די שלאַנג מיט זײַנע שאַרפע ציין און האָט זי
אײַנגעביסן. די ציילעמשלאַנג האָט זיך געדרייט און געוואָרפן
פון ווייטאָגן, און ווען דער נאָדלער האָט זיך צו איר נאָך אַ

מאָל דערנענטערט, האָט זי אויסגעפּרוווט דעם לעצטן מיטל: זי האָט געוואָלט אײַנבײַסן אים מיט אירע גיפטציין. זי האָט זיך אָבער נאָר מיִעס צעשטאָכן דאָס מויל און די צונג.

— אַנטלויפן! — איז געבליבן דער איינציקער מיטל צו ראַטעווען זיך.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, ווײַל דער נאָדלער האָט זי אָנגעכאַפּט אַ צווייט מאָל, און דאָס מאָל נאָענט צום קאָפּ.

דער נאָדלער האָט זי אײַנגעביסן און האָט נישט נאָכגע־לאָזט. די צײַלעמשלאַנג האָט אָנגעהויבן וויקלען זיך, דרייען און וואַרפן זיך. אָבער ווי נאָר איר קערפּער רירט זיך צו צום נאָד־לער, שפּרינגט זי באַלד אָפּ, ווי פון... שפּילקעס.

ביידע ווונדן פון דער שלאַנג האָבן געבלוטיקט, אירע קוי־כעס האָבן אָנגעהויבן אויסצוגיין און זי איז געבליבן ליגן אַ פּאַרכאַלעשטע...

אין דער באַגעגעניש האָט גוויוער געווען דער נאָדלער — ער איז געווען דער זיגער.

דעם נאָדלער איז אָבער געגאַנגען נישט נאָר אין קאָווער, ער האָלט נישט פון דועלן (געפעכט אָדער שיסערײַ). וואָס קומען פּאַר נאָר צוליבן האָנאָר. ער האָט געמיינט די שלאַנג גופע — ער האָט זי געוואָלט אויפעסן. הינט, אָקסן און הענער — אַשטיי־גער — שלאָגן זיך קעדיי צו געווינען אין קאַמף, קעדיי צו באַ־זיגן דעם קעגנער, אָבער אַ נאָדלער מיינט נאָר די אַכילע — ער איז נישט פון יענע ריטער, וואָס זוכן אומנוציקע אַוואַנטורעס.

— אָבער אויפעסן די שלאַנג וועלן מיר שוין נישט דערלאָזן, און דעם יאָזשיק דאַרף מען אויך כאַפּן—האָב איך זיך געטראַכט. און מיר זענען גלײַך צוגעלאָפן צום שלאַכטפעלד.

דער נאָדלער האָט אָפּגעלאָזן דעם קאָרבן און האָט זיך אָנגעיאָזשעט. אַנטלויפן פאַר אונדז האָט ער גאָרנישט געפּרוווט,

ווײַל ווו וועט ער דאָס אַנטלויפֿן? נישט מיט דער גיכקייט און נישט מיט אַן אַנדער שפּיצל קען ער זיך ראַטעווען. זײַן איינציקע שוץ איז דער נאָדלפֿאַנצער.

ער האָט זיך שטאַרק געבּרויגעזט אויף אונדז וואָס מיר שטערן אים. און ווען איך האָב אים געוואָלט אָנרירן מיטן שטעקן, האָט ער זיך געוואָרפֿן אַנטקעגן און האָט אַרויסגעשטויסן פֿון זיך אומפֿאַרשטענדלעכע קלאַנגען מיט שוים אויף די ליפּן.

ווען שימען האָט אים איבּערגעקערט מיטן שטעקן, האָט ער זיך צונויפֿגעצויגן אין אַ קײַקל אַזוי, אַז עס איז נישט געווען מעגלעך אים אָנצורירן.

— ווי נעמט מען אים מיט? — פֿרעגט שימען.

— אין היטל! — איז געווען דער איינציקער ענטפֿער.

און די צייל עמשלאַנג איז אַלץ געלעגן נישט באַוועגלעך, מיסטאָמע שוין אַ טויטע. אָבער אַ שלאַנג טאָר מען נישט גע-טרויען: ווער ווייס, זי קען זיך גאָר מאַכן טויט!

איצט ערשט האָב איך אויסגענוצט דעם שפּאָלט אין שטעקן, איך האָב אויפֿגעשטעקט די שלאַנג נאָענט בײַם קאָפּ און מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן, צוריק אין סאַנאַטאָריע, באַלאָדן מיט צוויי טראָפּעען *).

אויף דער פּאָליאַנע לעבּן דער סאַנאַטאָריע האָבן מיר אָנ-געטראָפֿן אַ גרופּע קינדער, וואָס האָבן געקליבן געוויקסן פֿאַר זייערע הערבּאַרן**).

זיי זענען אונדז באַפֿאַלן און האָבן באַקוקט אונדזער רויב; מיר האָבן זיי געמוזט אויף דערציילן, ווי מיר האָבן דורכגעפֿירט דאָס געיעג.

---

*) טראָפּעע רופֿט מען דאָס וואָס מען קעמפֿט אויס אין מילכאָמעס.

*) הערבּא (לאַטיין) — געוויקס, הערבּאַר=זאַמלונג פֿון געטריקנטע געוויקסן

אין דער גרופּע קינדער איז גראָד געווען דער קאָרעספּאָנדענט „שאַרפּאויער“ פון „אונדזער ראַדיאָ“. און אַ גוטער קאָרעספּאָנדענט האָט טאָמיד בײַ זיך אַ ביכעלע און אַ בלײַער. בעשאַס איך דערצייל, זע איך, אַז ער נאָטירט. האָב איך טאַקע דערפאַר דערציילט אַלץ גענוי, מיט אַלע פּאַסירונגען, קעדיי די מײַסע זאָל ווערן פאַראייביקט אין די נאָטיצן פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

גראָד איז אָנגעגאַנגען שאָלעם שוסטער מיט אַ פּאַק פאַרריכטע שיך, און ווען ער האָט דערזען די שלאַנג, איז ער צוגעשטאַנען, אַז נישט אַנדערש נאָר מיר זאָלן אים אַוועקגעבן די שלאַנג.

וואָס איז? ער האָט „רעמאַטעס“, וויל ער די שלאַנג אַרײַנטון אין ספּירט און מיט דעם ספּירט אײַנרײַבן די גלידער. אים האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז די בעסטע רעפואָ.

כעוורע קינדער האָבן געלאַכט דערפון און ווי גערן זיי וואָלטן שאָלעם שוסטער דאָך געהאָלפן, אָבער אַוועקגעבן אַזאַ שלאַנג — דאָס נישט.

— די שלאַנג וועט זײַן פאַר אונדזער מוזיי — האָבן געטײַנעט די קינדער.

מען איז אַוועק מיט אַלץ אין סאַנאַטאָריע. לאָלעק מיט דער שלאַנג אויפן שפּיץ שטעקן און הערשל מיטן נאָדלער. ווען קינדער האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אַזוי געליאַרעמט פאַר פרייד, אַז פון אומעטום זענען זיך צונויפגעלאָפן אַלץ מער קינדער צו זען דאָס „בייזע װוּנדער“.

די שלאַנג האָט מען אַרײַנגעטון אין אַ פלאַש מיט פאָרמאַלין *), און דעם נאָדלער האָט מען דערווײַל אַרײַנגעלאָזן אין אַ שטײַג.

---

*) פאָרמאַלין קויפט מען אין יעדער אַפּטייק און אַפּטייק־געשעפט. דאָס

# סוידעס פון געשטערנטן הימל

(אַ נאַכטשפּאַציר)

בלוי און סוידעספול איז דער הימל ביינאַכט. עס לייכטן אַרויס פון אים אומצאָליקע שטערן, וואָס זענען צעשאָטן איינציק־ווייז און אין גרופּעס איבערן גאַנצן הימל.

ווען מען קוקט זיך צו נענטער און לענגער, אונטערשיידט מען פאַרשידענע גרייסן און קאָלירן פון די שטערן. עס דוכט זיך אַפילו, אַז יעדער שטערן פינקלט אויף זיין שטייגער. אָט דער דאָ צאַנקט ווי אַ ליכט, יענער ווידער בלישטשעט ווי אַ דימענט, אַן אַנדערער שימערירט ווי אַ טראָפּן טוי אין דער פרימאָרגן־זון.

די קלענסטע שטערן, וואָס זעען זיך אָן ווי קליינע פינטע־לעך, שטיפן גאָר מיט אונדז — אָט זעט מען זיי און אָט באַהאַלטן זיי זיך.

שוין נישט איין מאָל האָבן מיר געקוקט אויפן געשטערנטן הימל, אָבער היינט איז דאָס קוקן און באַטראַכטן ערנסטער.

מיר האָבן זיך באַזאָרגט מיט פאַרגרעסער־גלעזער און אַפילו מיט אַ לונעטע.

— זעט איר, קינדער־הייבט אָן דער לערער—קימאַט אַלע שטערן זענען גרויסע זונען. טייל זענען אַפילו גרעסער פאַר אונדזער זון, נאָר זיי געפינען זיך זייער ווייט פון אונדז און קו־מען אויך אויס דערפאַר קלענער. אונדזער זון איז ווייט פון אונדז לערערך 150 מיליאָן קילאָמעטער און יענע זונען (שטערן) זענען אַזוי ווייט, אַז מען מעסט דעם אָפּשניט מיט ליכטיאָרן.

— וואָס הייסט דאָס ליכטיאָרן?

---

איז אַ ביליק מיטל צו קאָנסערווירן.

די געקויפטע פאָרמאַלין איז געווינלעך 40 פּראָצ. דאַרף מען זי צעלאָזן מיט 10 טיילן וואַסער אויף 1 טייל פאָרמאַלין.

— דאָס ליכט לויפט זייער גיך: 300.000 קילאָמעטער אין איין סעקונדע. דאָס הייסט, אַז אין איין סעקונדע קען דערגיין צום אויג אַ ליכטסיגנאַל, וואָס איז געוואָרן אָנגעצונדן אויף אַ ווײַטקייט פון 300.000 קילאָמעטער. דאָס ליכט מוז נאָר זײַן גענוג שטאַרק.

דאָס קאָל דערגייט נישט אַזוי גיך ווי דאָס ליכט. אַזוי צ״ב דערזעען מיר פריִער דעם בליץ און ערשט שפּעטער הערן מיר דעם דונער, כאָטש ער איז אַנטשטאַנען פון דעם זעלבן צוזאַמענשטויס פון עלעקטריזירטע וואָלקנס.

צי ווייסט איר קינדער, אַז די זונשטראַלן דערגייען צו אונדז מיט עטלעכע מינוט שפּעטער ווי די זון גייט אויף.

לאָמיר אַ רעכן טון!

300.000 קמ לויפט דאָס ליכט אין איין סעקונדע, פון דער זון צו אונדז איז 150.000.000 קמ, וואָס עס מאַכט אויס פאַרן ליכט 500 סעקונדעס, אָדער 8 מינוט מיט 20 סעקונדעס.

איצט שטעלט זיך פאָר, ווי ווײַט עס זענען פון אונדז די שטערן, ווען פון נאָענטסטן שטערן לויפט צו אונדז דאָס ליכט 4 יאָר.

— אײַ... אײַ... אײַ...!—האָבן זיך קינדער נישט געקענט אָנוונדערן איבער דער ווײַטקייט.

— און אָט זעט איר, קינדער, דער „מילכוועג״, וואָס ציט זיך איבערן הימל, איז אייגנטלעך אויך נאָר אַ גרויסער געזעמל פון שטערן, וואָס געפינען זיך אַזוי ווײַט פון אונדז. אַז זייערע פלעקן גיסן זיך צונויף אין אַזוי גערופענעם „מילכוועג״.

קינדער האָבן נאָך געשטעלט דעם לערער פאַרשידענע פראַגן. דער לערער האָט געענטפערט און צום סאָף האָט ער זיי איבערגעריסן מיט די ווערטער:

— לאָמיר הײַנט נאָך באַקענען זיך מיט אַ ביסל שטערן, און שמועסן וועגן זיי וועלן מיר קענען אויך אין די צימערן, נישט דאַפקע אין דרויסן.

— גוט... גוט!...

— פאַרגעדענקען יעדן שטערן באַזונדער וואָלט געווען שווער, האָבן דערפאַר פון לאַנג שוין די געלערנטע אויסגענוצט




דער געשטערנטער הימל

1 — גרויסער בער, 2 — קליינער בער מיטן פאָלאַרשטערן *, 3 — דראַקאָן, 4 — קאַסיאָפּעע, 5 — אַנדראָמעדע, 6 — פּערסעוס, 7 — פּלעיאַדן (זיבנבע־שטערן), 8 — פּעגאַז, 9 — שוואַן, 10 — צפון־דיקע קרוין.

די שטערנבילדער (גרופּעס שטערן) אויף צו געבן זיי נעמען.

די גרופּע שטערן פון אַזוי גערופענעם „גרויסן בער" האָט דעם נאָמען שוין פון אַלטערטום.

אַט קוקט אַהער, וועל איך אײַך ווײַזן דעם גאַנצן בער.

זעט איר זײַנע גרויסע לײַכטנדיקע 7 שטערן? — דאָס איז נאָר אַ טייל פון בער. דעם געשטערן רופט מען נאָך אַנדערש גרויסער וואָגן, אָדער פענדל.

די 4 שטערן אין פירעק דערמאָנען די רעדער פון אַ וואָגן און די אַנדערע דרײַ — דעם דישעל.

און ווער עס פאַרגעדענקט זיך דעם געשטערן, וועט שוין טויך לײַכט געפינען אַנדערע.

אַט לאָמיר פאַרלענגערן די ליניע פון די הינטערשטע „רע־דער" פון „וואָגן" אויף אַרויף צו, 5—4 מאָל, וועלן מיר אָנטרעפן אויפן פּאָלאַרשטערן.

פון דעם פּאָלאַרשטערן הייבט זיך שוין אָן דער „קליינער בער". ער ליגט פּאַראַלעל און פאַרקערט צום „גרויסן בער"

און אַט איצט וועלן מיר זוכן גרויסע געשטערנס און מילכ־וועגן.

די קינדער האָבן געקוקט מיט פאַרריסענע קעפּ. דער לע־רער האָט געטײַטלט, גלײַך דער הימל מיט די שטערן וואָלטן גאָרנישט אַזוי ווײַט געווען. און עס איז טאַקע נישט שווער גע־ווען אַלץ צו זען.

— אַט, זעט איר, די פינף שטערן, וואָס ליגן אין אַ זיגזאַג ווי אַ W — דאָס איז די ק אַ ס י אָ פּ ע ע, און לעבן איר: פּ ע ר־ ס ע ו ס מיט אַ נ ד ר אָ מ ע ד א.

— פונוואַנען נעמען זיך די נעמען?

— דאָס זענען מערסטנסטיילס מיטאָלאָגישע נעמען, ד"ה נעמען פון די גריכישע מיטן, פון גריכישע לעגענדאַרישע העלדן, געטער און האַלבגעטער.

די קינדער האָבן געקוקט אין די שטערן, דער הימל איז געווען טיף בלוי, און די שטערן האָבן זיך דײַטלעך אויסגעטיילט אין דער פינצטערער נאַכט.

אויף איינמאָל איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטערן און האָט געלאָזן הינטער זיך אַ לאַנגן, פֿײַערדיקן סימען. איינס פֿון די קינדער האָט זיך געוואָלט עפּעס ווינטשן, נאָר עס האָט נישט באַוויזן — דער שטערן איז אַראָפּ אין טעהאָם.

— דאָס איז אַ מעטעאָר! — האָט געזאָגט דער לערער — עס צעפאַלן זיך אָפּט שטערן אויף שטיקלעך, און די שטיקער, וואָס פאַלן אַראָפּ, רײַבן זיך אַזוי שטאַרק אין דער לופטן, אַז זיי צינדן זיך אָן.

מען האָט נאָך לאַנג געשמועסט וועגן די הימלישע קער־פּער און ווען די קינדער האָבן געפרעגט, פונוואַנען עס נעמען זיך די נעמען פון די שטערן, האָט דער לערער צוגעזאָגט דער־ציילן אין אָוונט — פאַרן שלאָפן — אַ מײַסעלע וועגן די שטערן.

צופרידענע האָבן זיך אומגעקערט די קינדער פון דער אַסטראָנאָמישער עקספּעדיציע, מען האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די ווײַטע זונען — די שטערן—און מען האָט מיט אומ־געדולד געוואַרט אויפן מײַסעלע.

ווען די קינדער האָבן זיך — ווי געוויינלעך פאַרן שלאָפן גיין — פאַרזאַמלט אין קלובצימער פון דער נײַער געביידע, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אין אַ סיידער און דער לערער האָט אָנגע־הויבן דערציילן אַט אַזוי:

## פערסעוס

אין אַלטן גריכנלאַנד האָבן געלעבט אַמאָל צוויי ברידער פּרינצן, פּרעטוס און אַקריזיוס. זיי זענען אַפילו זייער רײַך גע־ווען, ווײַל אויף זייערע פעלדער האָבן געוואַקסן די בעסטע טוועס און זיסע ווײַנטרויבן, גרויס און פרוכפּערדיק זענען געווען

זייערע סטאַדעס שאָף, רינדער און פערד, אָבער די ברידער האָבן נישט געלעבט בעשאָלעם צווישן זיך — זיי האָבן זיך נישט פאַרגונען איינער דעם אַנדערן, און האָבן זיך אַפילע צעקריגט. לאַנג האָט געדויערט די מילכאָמע צווישן זיי. באַלד האָט דער, באַלד יענער געזיגט. און דאָס לאַנד האָט דערפון שטאַרק געליטן.

איינמאָל איז אַקריזיוס געוואָר געוואָרן פון אַ שטערנזעער, אַז די געטער זענען אויף אים אין צאָרן פאַרן אומשולדיקן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן אין ברודערקאַמף. עס וואַרט אויף אים אַ האַרבע שטראָף — ער וועט פאַלן פון דער האַנט פון זײַן אייניקל.

אַקריזיוס האָט זיך דערשראָקן און קעדיי אויסצומײַדן דעם שרעקלעכן גוירל, האָט ער געלאָזט פאַרשפאַרן זײַן אייגציקע טאָכטער דאַנאַע אין געפענגעניש. אָבער ווען זי האָט דאָרט געבוירן אַ זון, האָט ער געהייסן אַפּרוימען פון וועג די טאָכטער דאַנאַע צוזאַמען מיטן אייניקל.

עס האָבן נישט געהאָלפן קיין ביטעס און טרערן פון דער יונגער פאַרצווייפלטער מוטער.

מען האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין אַ שיפל און אָפּגעשטופט פון ברעג — זאָל זיי דער גוירל פאַרטראָגן אין אַן אַנדער לאַנד.

עטלעכע טעג און נעכט האָט זיך געטראָגן דאָס שיפל איבער די כוואַליעס פון יאַם. דאַנאַע איז שוין געווען אויסגעשעפּט און פאַרצווייפלט צוליב איר און איר קינדס גוירל.

אָבער די געטער האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז זייער קלאַלע זאָל ווערן מעקויעם — דאָס שיפל איז צוגעקומען צום ברעג פון אינדזל סעריפאָס.

דאָרט האָט זיי באַגעגנט דער בירגער דיקטעס, וואָס האָט אַליין נישט געהאַט קיין קינדער, און האָט זיי גערן גענומען צו זיך.

דאַנאַע האָט אָנגערופן איר זון פּערסעוס. ער האָט זיך גוט אַנטוויקלט און איז צו פופצן יאָר געווען דער שטאַרקסטער און פלינקסטער אויפן אינדזל. אויך זײַן פּאָנעם איז געווען אַ געט-לעכער שײַן. אַלע בירגער האָבן מעקאַנע געווען דאַנאַען מיט איר זון, מען האָט נישט אַנדערש געמיינט, נאָר אַז פּערסעוס האָט אַ געטלעכן פּאָטער.

גראָד האָט געטראָפן, אַז דער קיניג פון אינדזל, פּאָלידיק-טעס, האָט אין דער אָפּוועזנקייט פון פּערסעוסן באַליידיקט זײַן מוטער, דאַנאַע. ער האָט זיך אַפילע דערלויבט צו נעמען זי צו זיך פאַר אַ שקלאַפין.

ווען פּערסעוס איז צוריקגעקומען און האָט זיך דערוווּסט דערפון, האָט ער שיר נישט אומגעבראַכט דעם קיניג אין גרימ-צאָרן. נאָר אַדאַנק דאַנאַעס ביטעס האָט פּערסעוס אים פאַרשוינט. די מוטער האָט ער באַפרײַט.

דער קיניג האָט געפילט זיך שולדיק און האָט פאַרשוויגן דעם אָנפאַל פון פּערסעוסן, אָבער אין האַרצן האָט ער געגרייט זיך נויקעם צו זײַן פאַר דער שאַנד.

ער האָט צוגעגרייט אַ סודע, אײַנגעלאַדן אַלע פירשטן, אויך פּערסעוסן. יעדער האָט געבראַכט מאַטאָנעס, נאָר פּערסעוס איז געקומען מיט ליידיקע הענט, און ווען דער קיניג האָט אָנגעהויבן אויף אַ קאָל צו שפּעטן פון זײַן אָרעמקייט, איז פּערסעוס אויפ-געשפּרונגען פון זײַן אָרט און אויסגעשריגן:

— איך האָב דאָך גאָרנישט, אָבער איך קען ברענגען דעם גרעסטן אויצער: דעם קאָפּ פון גאָרגאָנען — בײַ די ווערטער איז ער אַרויסגעלאָפן פון זאַל און איז אַוועק זיך אויסבאַהאַלטן אין אַן איינזאַמען אָרט.

ווען ער איז אײַנגעשלאָפן, איז אים געקומען צום כאָלעם די געטין פּאַללאַס אַטענע מיט הערמעסן.

זי האָט אים געגעבן איר שילד, וואָס האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל און אַזוי געזאָגט:

— לאָז זיך אין וועג און ברענג מיר דעם קאָפּ פון גאָרגאָ־נען, דער מעדוזע, דער, וואָס ברענגט נאָר אומגליק אויף דער וועלט. אָבער געדענק, זאָלסט איר נאָר נישט קוקן אין די אויגן, ווייל פון איר בליק ווערט מען פאַרשטיינערט.

הערמעס, דער באַגלייטער פון דער געטין אַטענע, האָט אים געגעבן אַ געטלעכע שווערד און זיינע סאַנדאַלן, וואָס טראָגן דעם וואָס טוט זיי אָן ווי אויף פליגל.

פּערסעוס האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך געלאָזן אין וויטן וועג. פריער איז ער געפלויגן זיבן טעג און זיבן נעכט צו צאָפן צו, דער וועג האָט געפירט איבער די באַלקאַנער בערג, דעם דונאַי און נאָך ווייטער אַזש ביזן צאָפנדיקן אייז־יאַם.

דאָרט האָט ער געטראָפן דריי אַלטע, בלינדע מאַכשייפעס, וואָס האָבן געוווּסט דעם וועג צו גאָרגאָנעס וווינאָרט. די מאַכ־שייפעס האָבן געהאַט נאָר איין אויג און איין צאָן פאַר אַלע דרייען. ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דערלאַנגען דאָס אויג אויף אָנצוקוקן פּערסעוסן, האָט ער אונטערגעשטעלט זיין האַנט און אָנ־געכאַפּט עס, דאָס איינציקע אויג זייערס.

— אַז איר וועט מיר נישט ווייזן דעם וועג, וועל איך צו־נעמען אייער אויג — האָט זיי געשראָקן פּערסעוס, און דאָס האָט געהאָלפן: זיי האָבן אים געוויזן דעם וועג, וואָס פירט איבער די צין־אינדזלען (בריטאַניע) צום איבערישן האַלבאינדזל (שפּאַניע) און ווייטער אויף דאָרעם.

פליִענדיק איבערן יאַם האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ הויכן באַרג, ווו עס זיצט דער גאָט אַטלאַס און האַלט אונטער מיט גרויס מי דעם הימל. צופוסנס פון באַרג האָבן געטאַנצט און גע־זונגען שיינע נימפעס, וואָס האָבן געבעטן פּערסעוסן, ער זאָל פאַרהאַלטן זיך און בלייבן ביי זיי.

ווען אַטלאַס האָט זיך דערוווּסט פון פּערסעוסן וועגן ציל פון זיין וואַנדערונג, האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ נימפע אין די הייל־

פון דער אונטערוועלט (האַדעס), זי זאָל ברענגען פאַר פערסועסן דאָס היטל, וואָס מאַכט אומזעבאַר דעם, וואָס טוט עס אָן.

— נאָר מיט דעם היטל קענסטו זיך דערנענטערן צו די דרײַ שרעקלעכע שוועסטער. איין ביטע האָב איך צו דיר, ווען דו וועסט זיך אומקערן מיט גאָרגאָנעס קאָפּ, זאָלסטו — פאַרבײַגייענדיק — פאַרהאַלטן זיך אויך דאָ, איך מוז אַ קוק טאָן אויף גאָרגאָנעס פּאָנעם, ווײַל איך קען שוין נישט פאַרטראָגן דעם יאָך פון הימל. איך וויל איר אַ קוק טאָן אין די אויגן און אומקומען.

פערסעוס האָט געדאַנקט פאַרן היטל און איז אַוועק אין ווײַטערדיקן וועג. אינגיכן איז ער אָנקומען צום לאַנד פון בייז. ער האָט אָנגעטאָן דאָס היטל און איז אַוועק זוכן די דרײַ שוועסטער גאָרגאָנעס. ער האָט זיי געפונען שלאָפנדיקע.

צוויי פון זיי זענען געווען טאַקע מיִעסע מיט גרויסע באַפּעדערטע פליגל און גראָד די דריטע, מעדוזע, וועלכע פערסעוס האָט געדאַרפט טייטן, איז אים געפעלן געוואָרן. שיין איז געווען איר פּאָנעם, שלאַנק איר האַלדז...

און ווי ער קוקט אַזוי אויף איר אין שלאָף, האָבן זיך אָנגעהויבן וועקן די שלאַנגען אויף איר קאָפּ—אירע האָר זענען געווען שלאַנגען, אויך די פליגל האָבן זיך פאַנאַנדערגעבויגן, און עס האָבן זיך באַוויזן אירע שאַרפע, קופּערנע קרעלן.

פערסעוס האָט דאַן אײַנגעזען, אַז מען טאָר נישט וואַרטן לענגער. מיט איין שטויס פון שווערד האָט ער אָפּגעהאַקט איר קאָפּ און האָט אים אײַנגעוויקלט אין דער ציגענער פעל, וואָס אַטענע האָט אים מיטגעגעבן.

ער איז אַוועק אויף גיך, אָבער ער האָט באַלד געהערט הינטער זיך, ווי עס פליִען אים נאָך די צוויי פאַרבליבענע שוועסטער, נאָר דאָס היטל, וואָס האָט אים געמאַכט אומזעבאַר האָט אים געראַטעוועט.

אַלס דאַנק האָט ער אויפגעזוכט דעם באַרג, וווּ אַטלאַס האָט אונטערגעשפּאַרט דעם הימל און האָט אים באַלד אויסגעלייזט פון

דער שווערער אַרבעט. עס איז גענוג געווען צו לאָזן אים אַ קוק טאָן אין די אויגן פון גאָרגאָנעס קאָפּ און ער איז געוואָרן פאַר־שטיינערט — עס איז געוואָרן פון אים דער אַטלאַס־באַרג (אין אַפריקע)

פּערסעוס איז ווײַטער געפלויגן איבער די אַפריקאַנישע מידבאָריעס, איבער ליביע, און איז צוגעקומען קיין מיצראַיִם. אַ שאַרפער ווינט האָט אים פאַרטראָגן אַהין, בעשאַס ער האָט גע־וואָלט אַריבערפליען איבערן מיטללענדישן יאַם, קיין גריכנלאַנד.

אין דעם האָט ער דערזען אַ געטלעך שיינע פרוי, וואָס איז געווען צוגעקאָוועט צו די ברעגפעלדזן.

ווען ער איז צוגעקומען צו איר, האָט זי אים דערציילט אַז זי הייסט אַנדראָמעדע, זי איז די טאָכטער פון קאַסיאָפּעע און אַז אירע לאַנדסלײַט האָבן זיי געבראַכט פאַר אַ קאָרבן דעם שטורמישן יאַם, וואָס וויל זיך נישט באַרויִקן.

פּערסעוס האָט זי אָבער באַפרײַט, ער האָט דערהאַרגעט דעם יאַם־געשפּענסט, וואָס האָט זיך דערנענטערט און האָט גע־וואָלט צונעמען זײַן קאָרבן.

פּערסעוס האָט גענומען אַנדראָמעדען פאַר אַ פרוי און איז צוזאַמען מיט איר צוריקגעקומען אין זײַן היימלאַנד.

ווען ער האָט זיך באַוויזן אין פּאַלאַץ פון קיניג פּאָלי־דיקטעס, האָט יענער ווידער פּרובירט פון אים אָפּשפּעטן, אָבער דאַן האָט פּערסעוס אַרויסגענומען גאָרגאָנעס קאָפּ און פּאָלידיק־טעס איז געוואָרן פאַרשטיינערט.

ווען דאָס פאָלק האָט זיך דערוווּסט וועגן פּערוסעס העלדנטאַט, האָבן זיי אים געקרוינט פאַר זייער קיניג.

פּערסעוס האָט אָבער נאָך געוואָלט זען זײַן זיידן, און ער איז אומבאַמעדקטערהייט אַוועק אין זײַן לאַנד.

גראָד זענען פאָרגעקומען דאַן שפּילן און פאַרוועטונגען, אין דער אָנוועזנדיקייט פון גרײַז־גראָען קיניג אַקריזיוס. פּערסע־

וס האָט אויך גענומען אָנטייל (נישט אַרויסגעבנדיק ווער ער איז) אין די שפּילן און האָט אַלעמען באַזיגט.

זײַן שפּרונג, זײַן לויף. זײַן שפּיזוואָרף און דיסקוואָרף זענען געווען די בעסטע.

און ווען מען האָט אים געבעטן, ער זאָל נאָך אַמאָל וואַרפן דעם דיסק, האָט דער ווינט פאַרטראָגן דעם דיסק ביז זײַן זיידנס פיס.

דער אַלטיטשקער קיניג האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער איז געפאַלן אין כאַלאָשעס און איז געשטאָרבן, פּערסעוס האָט צעריסן זײַן בעגעד און אויסגערופן מיט צאַר: „איך, דײַן אייניקל, האָב דיך דערהאַרגעט"!

דאָס פאָלק אַרום אים האָט דאַן פאַרשטאַנען, אַז דער פאָרויסגעזאָגטער גורל איז דאָך מעקוייעם געוואָרן — אַזוי האָבן געוואָלט די געטער.

פּערסעוס האָט זיך אומגעקערט אַהיים. ער האָט נאָך לאַנג געקיניגט איבער זײַן פאָלק, געהאַט מיט אַנדראָמעדען זיבן קינדער און ווען אַלע זענען אויף דער עלטער אַוועק אויף יענער וועלט, האָט זיי די געטין אַטענע גענומען צו זיך אין הימל אַרײַן און האָט זיי פאַרוואַנדלט אין שטערן.

אָט אַזוי דערציילט די גריכישע לעגענדע.

און איצט קוקט אויף די שיינע געשטערנס פון פּערסעוס, אַנדראָמעדע און איר מוטער קאַסיאָפּעע. פאַרגעדענקט זיי זיך און כאַלעמט וועגן די שיינע לעגענדעס.

דעם אַנדערן טאָג האָבן קינדער געצייכנט אין זייערע העפטן און אויפן זאַמד דעם געשטערנטן הימל.

דאָס מאָל האָט זיי דער לערער געוויזן די שיין לײַכטנדיקע ווענוס און דערקלערט, אַז דאָס איז אַ פּלאַנעט, אַ וואַנדער־שטערן.

— אַ פּלאַנעט שטייט נישט אויף איין אָרט — ער וואַנ־דערט. אָט לאָמיר הײַנט זיך פאַרגעדענקען צווישן וועלכע שטערן

ער געפינט זיך און אין אַ צײַט אַרום װעלן מיר אים שױן געפי־
נען צװישן אַנדערע שטערן.

אַזױ האָבן יעדן אָװנט, אין די ערשטע פֿרילינגטעג, די עלטערע קינדער באַטראַכט דעם געשטערנטן הימל און יעדעס מאָל דערװיסט זיך עפּעס נײַעס פֿון די װײַטע הימלישע סודעס.